STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07273

FAR TOG

A. Waiter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ווייטער.

פאר טאג

א דראמאטישע פאעמא.

פיער אקטען.

NATIONAL JEWISH HOSPITAL FOR CONSUMPTIVES.

פערלאג „די וועלט"

ווילנא 1907.

А. Вайтеръ. На разсвѣтѣ, Драма въ 4 акт.

Y
W16f

Печатано въ тип. Вдова и бр. Роммъ, Вильна.
Набрано въ тип. Баскинда, Вильна.

פֿאַר טאָג.

פּערזאָנען.

סאָניאַ.

די אומגעקומענע.

די יונג-פֿרוי.

די שוועסטער.

די מוטער.

די אַלמנה מיט איהר קינד.

דער אונבעקאַנטער.

דער זיידע.

דער טאַטע.

ער.

ערשטער גאַסט.

צווייטער גאַסט.

דריטער גאַסט.

פֿיערטער גאַסט.

דער פּריץ.

ערשטער אַקט.

אַ צימער פון אַ שטודירענדער פרוי. — קעגען די צוועהער —
די איינגאַנגס=טיר, צווישען טיר און וואַנד אויף רעכטס —
אַ זאָפאַ, ווייטער אין ווינקעל — אַנ׳עטאַזשערקע מיט ביכער.
בייַ דער רעכטער וואַנד, בייַם פענסטער — אַ שרייַב=טיש; אויף
איהם — ביכער, פאַפיער, פערשידענע שרייַב-געצייַג, קינסטלער=
אַרבייַט, אַ שפיגעל און וויזיט=פאָרטרעטען. — בייַ דער לינקער
וואַנד — אַ בעט. — אין ווינקעל — אַ וואַש=טיש און אַ שפיגעל.
ווייטער, נעהענטער צום טיר — אַ קליידער=אַלמער.
אויף די ווענד גראַווירען און פאָרטרעטען. איבער׳ן בעט — אַ
גרויסע גראַווירע „נאַכט“: אַ שעהנע יונגע פרוי, נאַקעט.
נאַכט. אויפ׳ן טיש ברענט אַ לאָמפּ אינטער אַ בלויען קויל. —
די נאַכט פון 9 (22) יאַנואַר 1905 יאָהר.
אין דער שווייץ, אין בערן.

(רעכטס און לינקס פון שוישפּיעלער)

צווייטער גאַסט

בערן שלאָפט ניט, שטעלט זיך פאָר!
איינם אַוייגער — בערן וואַכט!..
די געזעצטע בערנער בירגער,
קאַלטע, גלייכמוטהיגע שווייצער
קריכען אום אין מיטען נאַכט
מיט די ווייבער... כאַ=כאַ=כאַ!..
מיט דעם פרומען ווייב ביי האַנד (לאכט)
רעדלעך שטעהען אויף דער גאַס...
אַלע זענען אונגעדולדיג:
וואָס איז שפעטער דאָרט געשעהן?
נור דאָס „טאַגעבלאַט" איז קאַרג:
מעהר קיין נייעס גיט ער ניט... (פויזע)
וואָס טראַכט איצט מיין אַלטער טאַטע?
„גוג ומגוג האַלט מלחמה;
„הויבט זיך אָן דער קץ, מסתמא..."
וואָס=זשע דען אויב ניט משיח?

(עס הערט זיך פייפען פון גאס:
„אין די גאסען צו די מאסען
„פון בעדריקטע פעלקער=ראסען...")

סאָניאַ

ססס... עמיץ געהט! געווים מיט נייעס...
(צום צווייטען) געהט=זשע עפענט!

צווייטער גאַסט

(געהט אָב)

ערשטער גאַסט

וואוילע צייטען!
וואָס וועט מאָרגען זיין אין וואַרשאַו, ווילנא...
אין דער אידיש-וועלט?!..

דריטער גאַסט

פּאָגראָמען!

ערשטער גאַסט

נו, טאָ קומט קיין ארץ-ישראל
קינות בּיי דעם קבר-רחל זאָגען...

סאָניאַ

שטילער! אָהן דעבּאַטען!
איך וויל היינט קיין דיסקוסיאָנען
היינט איז יום-טובֿ... היינט איז יום-טובֿ!...

(ס'גייען אַרויס דער צווייטער גאַסט און ער)

צווייטער גאַסט

ער האָט קיין נייעס... ער ווייס קיין זאַך...
די זעלבּע טעלעגראַם — נישט מעהר...

סאָניאַ
(צו איהם)

דערצעהלט, דערצעהלט, וואָס נור איהר ווייסט...

ער

די זעלבּע זאַך: גאַפּאָן... אַ פּאָפּ...

דריטער גאַסט

ווי קומט אָבער אַ פּאָפּ אַהער?

ערשטער גאַסט

ווי קומט אַהער אַ פּאָפּ גאַפּאָן?

ער

ווער ווייסט? ווער ווייסט? מען שרייבט אַזוי:
אַ מחנה געהט... פּאָראָוים — אַ קרייץ...
די געהט צום צאַר (שמייכעלט) דאָס פּאָלק—צום צאַר...
דאָס פּאָלק האָט שטיל זיין צאַר געליעבט,
דער צאַר האָט ליעב זיין שטילעס פּאָלק...

דריטער גאַסט

דערצעהלט! דערצעהלט!

ער

איך האָב ניט וואָס...
איהר ווייסט אַליין... די צאָהל איז גרוים:
פינף הונדערט טויט... פערוואונדעט — מעהר...
אַ קויל האָט אויך דעם קרייץ אַליין,
וואָס האָט געפיהרט דאָס פּאָלק צום צאַר...
אַ קויל האָט דעם געקרייצטען גאָט
דערשאָסען...

דריטער גאַסט

נייעס אָבער, נייעס!..

צווייטער גאַסט

אַ, איך גײה ווידער אויף דער גאַס.

דריטער גאַסט

איך אויך!..

צווייטער גאַסט (צום ערשטען)

קומט מיט!...

ערשטער גאַסט

ניין, כ'גײה נאָך ניט!..

סאָניאַ

זעהט צוריק פערגעסט ניט קומען!
קומט צוריק מיט נײַעם צוגעהן
(בעגלייטענדיג) נאַט איך מיט פון טיר דעם שליסעל.
געהט נור שטילער!

(געהן אב. לאנגע־ע פויזע)

ערשטער גאַסט

וואוילע צײַטען!
אומגעהענדיג) גאַנצע דורות אין פערצווייפלונג
האָבען אָבגעלעבט דאָס לעבען...
רעזיגנירט דעם יאָך געטראָגען,
אונטערטהאַן די רוט געקוסט;
זענען נישטיג אומגעקומען,
זענען קליינליך אויפערשטאַנען...
צווערגען=דורות... זעלטען ווען נור

אײנער אין אַ דור אַ גאַנצען
האָט דעם רוקען אױסגעגלײַכט,
אָנגעשטרענגט די שװערע האַנד
און אַמװעניגסטען — געדראָהט ...

סאָניאַ

קלײנע דורות, מיאוסע דורות!..

ערשטער גאַסט

און די אידען? אָה, די אידען!..
מאָשקעס, בערקעס, — אַרענדאַטאָרס,
מעקלער, הענדלער און מה־יפית־זינגער,
אָה, די יענע אידיש־דורות...

סאָניאַ

אומגעקומען?

ערשטער גאַסט

קומען אום!
נאָך אַביסעל... שױן ניט לאַנג...
ס'איז כמעט שױן פאַרטיג בײַ דעם קריצער
אַ מצבה פאַר דעם אַלטען אידיש־לעבען,
און דאָרט װײַט אין פערבעהאַלטען
פלעכט די צוקונפט קראַנצען,
לאָרבער־קראַנצען, בלומען־קראַנצען
פאַר דעם נײַעם אידען...

סאָניאַ

בלומען?

בלומען־קראַנצען פאַר דעם נייַעם... אידען?..
(ס'הערט זיך פײַפען פון גאַס: „אין די גאַסען" א. ז. וו.)
עמיץ רופט!

ע ר

יאָ, עמיץ גערט. (געהט אַב)

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט

פאַר דער נייַער אידיש־פרוי
איז דער בלומען־קראַנץ שוין גרייט
(שטיל) דער בלומען־קראַנץ... ער וואַרט אויף אייך!..

ס אָ נ י אַ

אויף מיר?.. דער בלומען־קראַנץ?..

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט

אויף אייך!..
איהר פאָהרט אוועק! איהר בלייבט ניט מעהר!
איהר פאָהרט אַהין, אַהיים! די גאַס,
די אָרמע אידיש־גאַס, זי רופט
די קינדער איהרע פון דער פרעמד...
זי וואַרט אויף די, וואָס זענען יונג,
וואָס זענען שטאַרק און דרייסט און שטאָלץ,
וואָס קאָנען ברענגען מוטה און ליכט...
זי רופט, זי וואַרט...

ס אָ נ י אַ

אויף מיר?

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט

אויף אײַך!
איהר זענט... איהר זענט...
(ווײַל וואָס זאָגען; ענטשליסט זיך ניט)
פֿאָהרט גיכער אָב!

איך פֿאָהר... (קוקט זיך אום) נאָך הײַנט.

ס אָ נ י אַ

איהר... פֿאָהרט?..

(עס געהען ארײַן: ע ר א ון ד ע ר ד ר י ט ע ר)

ע ר

איהר הערט?..

ד ר י ט ע ר ג אַ ס ט
(פֿײַראַטהעמט)

עס ווערט... שוין שטיל... אַזוי האָט מיר...
דערצעהלט... אַ מענש, וואָס האָט אַליין...
אַ טעלעגראַם אַזאַ געלעזען...

ס אָ נ י אַ

אַוואו? אַוואו?

ד ר י ט ע ר ג אַ ס ט

דאָס ווייס איך ניט.
כ'האָב מיך געאײַלט און ניט געפֿרעגט...
אַ שאָד!

ס אָ נ י אַ

אַ שאָד!

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט

עס קאָן ניט זיין!

ד ר י ט ע ר ג אַ ס ט

איך געה צוריק! אַדיע!

ס אָ נ י אַ

אַדיע!

(ע ר בעגלייט דעם דריטען גאסט. ביידע געהען אָב)

ס אָ נ י אַ

זי װאַרט... אויף מיר?

ע ר ש ט ע ר ג אַ ס ט

זי װאַרט אויף די, װאָס זענען... שעהן...
ס אָ נ י אַ, גרויסע װאונדער האָבען
אויף דער אידיש-גאַס געשעהען:
פון די אַלטע קברים-ביינער,
אויף דעם תל פון גלות-לעבען —
װאַקסען ריזען פון דער פרייהייט,
װאַקסען העלדען פונים זיג...
נייע מוטהיגע געזיכטער;
שוין ניטאָ קיין מעקלער-שמייכעל,
שוין ניטאָ קיין קינות-טרויער...
נייע מענשען...

(ס'גײט אַרײַן ע ר

ע ר

װעלכע נײַעס?

ס אַ נ י אַ

אַלץ די זעלבע.

ע ר ש ט ע ר   ג אַ ס ט

גרױסע נײַעס
װאױלע צײַטען! ס'האָבען דורות
הונדערט יאָהר אױף זײ געװאַרט,
ביז דער מענש איז אױפגעשטאַנען,
האָט מיט שטאָלץ געזאָגט: איך בין!
האָט מיט מאַכט געזאָגט: איך װיל!..
אָה, דער מענש איז אױסגעװאַקסען...

ע ר

און געבליבען קלײן װי פריהער!..

ע ר ש ט ע ר   ג אַ ס ט

א י ה ר האָט איהם ניט אױסגעמאָסטען
אפשר ניט געזעהען אַפילו...

(פױזע. ע ר ענטפערט ניט און קערט זיך אָב)

ס אַ נ י אַ

װאָס זעהט מען דאָ? די שנײע-בערג... פון דערװײַטענס?..

ערשטער גאַסט

טויזענד יונגע אידיש־פרויען
זיצען דאָ אין שווער־מוטה, איינזאַם,
זוכען דאָ אומזיסט רפואות
צו דעם טיפען יונגפרוי־טרויער
(נאָך מעהר טיפען, אונערהיילטען
טרויער פון דער א י ד י ש־פרוי...)
איינזאַם וואַנדלען אום די טויזענד
און זיי בענקען אָהן אַ האָפנונג
נאָך אַנ׳אינהאַלטפולען לעבען,
נאָך אַ ציעל און זין אין לעבען...
אין דער ענגער לעזע־האַללע,
אויף די לאַנגווײַליגע דיסקוסיעס
ווערען ניט געהיילט די וואונדען,
ווערען ניט געשטילט די שמערצען...
געהט אַהין!..

סאָניאַ

וואוהין?

ערשטער גאַסט

אַהיים!
וואו יעדער אין דער גרויסער מהנה,
וואָס בויט דעם נײַעם צוקונפטס־טהורם,
געפינען קאָן פאַר זיך אַנ׳אַרבײַט;
וואו יעדע האַנד קאָן ברעכען, בויען,
קאָן העלפען, שטערען, שלאָגען, היילען,
קאָן ציגעל אויף דעם טהורם טראָגען,
קאָן שטיינער אויף דעם שונא וואַרפען...

דאָרט קאָן קײן קראַפט פֿערלאָרען געהן,
און יעדעס קערפּער אין דעם גרױסען קאַמפּף
גילט פֿאַר אַ קרבן...

(סאָניאַ קוקט אַן פֿערװאונדערט, פּױזע)

ערשטער גאַסט

און די װאָס זענען גרױס און שלאַנק,
ביי װעמען אין די אױגען שטראַהלט
דאָס צױבער־ליכט, די װאונדער־מאַכט
פֿון װײטען ציעל פֿון אײביגקײט —...
די צערשטערען חורבות אַלטע,
די בעשאַפֿען װעלטען נײע
מיט די הענד פֿון מיליאָנען...

(עס הערט זיך, װי עמיץ שליסט אונטען אויף די טיהר און געהט איבער די טרעפּ)

סאָניאַ

הערט, זיי געהען שוין צוריק (פּױזע)

(ס'געהט אַריין דער צװײטער גאַסט)

צװײטער גאַסט

מעהר ניטאָ, ניטאָ קײן נײעס.
ל'בין אין „טאַגעבלאַט“ געװען.
פּוסט. עס דרעמעלט אײנער דאָרט.
ר'האַלט דיזשור... אַ פֿערד פֿערמעגט!..
קוקט אויף מיר, װי אַ צודרעהטער:
„װאַס, אַנאָנס? פֿערשידען*)? װאַס?“

---

*) פֿערשידען — געשטאָרבען.

ווער געשטאָרבען? וואו געשטאָרבען?
ענדליך בין איך דאָך קיין קברות־מאַן!..
כאַפּ דיך, טראַכט איך מיר, דער טײַוועל!
ווילסט אַ בר־מנן ניט אַנדערס —
ס'גוט, דו האָסט בײַ מיר געפּועל'ט.
„שרײַבען זי: אום צוויי אוהר נאַכטס
„פלעטצליך איז דער הערר פערשיעדען..."
„ווער?!" „דער הערר... דער סענ־גאָטאַרד!.."*)
כאַ־כאַ־כאַ... איך נעהם דעם וועג
און ער לויפט נאָך און שרײַט מיט כעס:
„וואָס שוואַצען זי, צום טײַפעל!"
(קיינער לאכט ניט. פּויזע, פערלעגענהײַט)
נו, איך האָב מײַן הוב ערפילט...

סאָניאַ

ניטאָ קײַן נײַעס!.. וואָס קאָן דאָס זײַן?
וואָס קאָן דאָס זײַן?! (לענגערע פּויזע)
פינסטערע גאַסען מיט פאַקעל באַלויכטען...
צעהנדליגע טויזענד אין הוילענדען שטורם...
בלייכע געזיכטער מיט פלאַמענדע אויגען...
קיינמאָל געהערטע נקמה־געשרייען,
קיינמאָל געוועזענע פרייד פון דער שלאַכט (פּויזע)
שלאָפט דאָרט עמיץ הײַנט בײַ נאַכט (פּויזע)
אויף די טויטע ווייכט דאָרט קיינער,
קיינער בענקט ניט דאָרט ווי מיר...

אלע בלײַבען שטיל, סאָניא געהט צו צים פענסטער און קוקט פערטראַכט)

דאָ איז פײַכט און נאַס און פויל...

---

*) סענ־גאָטאַרד — אַ באַרג אין דער שווייץ.

דאָרט איז ווינטער... ס׳קראַכט דער פראָסט,
ס׳שימערט, פינקעלט פערעל־שנעע
אויף די בלאָהליך־ווייסע פעלדער...
דאָ איז פייכט און נאַס און פויל...

(ס׳ווערט ווידער שטיל)

צווייטער גאַסט

אַ, מען דאַרף שוין געהן!

ערשטער גאַסט

שוין שפעט!..

(זי נעהמען אבשיעד. ער לאזט זיי דורך. סאָניאַ בלייבט שטעהן ביים פענסטער)

סאָניאַ

דאָ איז נאַס און פויל...

(כרבט זינגען שטיל)

„אַמאָל האָט אַ יונגפרוי ביים טייכעל געלעבט
„און נעצען פון שטראַהלען און גין־גאָלד געוועבט...
„אַ יונגלינג, געגליכען צום טאָפּאָל און שעהן,
„פלעגט קומען טאָג־טעגליך צום טייכעל צו געהן..."

(זי הערט ניט, ווי עס עפענט זיך די טהיר און ער קומט צוריק. ער שטעהט און הערט זיך צו טרויעריג. עס ווערט שטיל)

ער

סאָניאַ!

סאָניאַ

(ערשראָקען)

וואָס?

ע ר

וואָס איז מיט דיר?

ס אָ נ י אַ

מיט מיר? מיט מיר איז גאָרנישט!..

ע ר

(קרענקליך)

אָה, ס אָ נ י אַ! פֿזעה דאָך אַליין:
איך בין דיר פֿרעמד, ביזט ניט מיט מיר!..
איך פֿיהל, ווען מיך האָט ס אָ נ י אַ ליעב,
איך ווייס, ווען זי איז ווייט פֿון מיר...

ס אָ נ י אַ

(צאַרט)

נו, קום צו מיר!
(זי זעצט זיך. ע ר געהט צו און זעצט זיך בײַ איהרע פֿיס)
אַזוי!
(זי גלעט איהם די האָר) זײַ שטיל! זײַ שטיל!..
(זינגט שטיל)
„און נעצען פֿון שטראַהלען און גינ־גאָלד געוועבט...
„און נעצען פֿון שטראַהלען און גינ־גאָלד...

ע ר

עס שוועבט היינט אַ טרויער אין צימער בײַ דיר...
וואָס איז מיט דיר, ס אָ נ י אַ? דו בענגסט דאָך נאָך וואָס...
דערצעהל מיר, נאָך וואָס?

סאָניאַ

(ווי פריִהער)

„און געצען פון שטראַהלען און גין־גאָלד געוועבט...
אַמאָל האָט אַ יונגפרוי ביים טייכעל געלעבט..."

ער

דערצעהל מיר, נאָך וואָס?

סאָניאַ

איך בענג אַהיים... איך וויל צוריק...
דאָ איז שוין וויסט, דאָ איז שוין גראָה...
און דאָרטען ברויזט אַ ווילדער שטראָם,
און ס׳רופט פון באַרג די צויבער־שטים...
דו הערסט זי ניט; איך הער זי יאָ!..

ער

אָה, איצט פערשטעה איך, סאָניאַ, אַלץ:
דו דאַרפסט מיך ניט! דו דאַרפסט מיך ניט!..

סאָניאַ

איך דאַרף דיך יאָ! דו ווייסט עס ניט...
כ׳קאָן אונטערגעהן! עס שוועבען שאָטענס...
די אַלטע שאָטענס שטעהען אויף...
איך זעה איהם דאָ... ער איז קיין שאָטען מעהר...
ער רופט צו זיך... איך דאַרף דיך יאָ!..
איך האָב אַליין קיין כחות מעהר,
דו העלף־זשע מיר, פערבאָט מיר עס,
דו זאָג מיר נור: איך לאָז דיך ניט

ע ר

סאָניאַ! סאָניאַ!

סאָניאַ

דו קאָנסט עס ניט! דו קאָנסט עס ניט!..
דו ביזט קיין האַר... מיין האַר איז ווייט

ע ר

וואָס רעדסט דו, סאָניאַ?..

סאָניאַ

כ'ווייס ניט, קינד,
איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך רעד...
עס קלעמט דאָס האַרץ, עס ווילט זיך וואָס...
איך ווייס ניט וואָס! די נשמה בענקט
און זוכט: זי האָט פערלאָרען וואָס...
שוין לאַנג... שוין לאַנג

ע ר

דערצעהל מיר, וואָס?

סאָניאַ

ניט איצט, ניט איצט! זייַ רוהיג, קינד,
זייַ שטיל ביי מיר...
(ע ר טוליעט זיך צו איהר)

סאָניאַ

אַזוי! אַזוי!

דו ביזט אַ מילדע צאַרטע בלום...
איך בין אַ קאַלטער שטורם-ווינד

ע ר

ווי קאַלט מיר איז...

סאָניאַ

איך האָב דיך ליעב...
דער קאַלטער ווינד האָט ליעב די בלום... (פויזע)
ווי שווער מיר איז... ווי מיעד איך בין! (פויז)
מען פייפט, דאַכט זיך.

(ביידע לויפען צו צום פענסטער)

ניין, קיינער פייפט!..

(בלייבען שטעהן פערקלערט)

שוין שפעט!..

סאָניאַ

(קוקט איהם אָן אין ווארט)

ווּעסט געהן אַהיים צו זיך?

ע ר

פאַר וואָס?

סאָניאַ

ל'בין מיעד!.. (פויזע)
גו, געה, מיין קינד!..

ער

(זוכט דעם הוט)

איך געה!..
ביי מיר איז דארטען איינזאם, פוסט
און קאלט...

סאניא

מיין ליעבער, איך בין מיעד!..

ער

איך געה, איך געה!.. (וויל עפּיס זאגען)
ווי קאלט! איך געה!..

סאניא

(גיט איהם דעם שליסעל, געזעגענען זיך. ווי ער פערמאכט זיך די טהיר, פאלט זי מיעד אויף דער זאפא)

ווי ביוז ער איז געוועזען דאן...
פאר וואס האט ער פערלאזען מיך...
פאר וואס האב איך... (פויזע)
ווי מיעד איך בין.

(לעגט זיך און קיקט אין דער הויך)

(זינגט שטיל)

„אמאל האט א יונגפרוי ביים טייכעל געלעבט
„און נעצען פון שטראהלען און גין-גאלד געוועבט...
„א יונגלינג, צום טאפאל געגליכען און שעהן...

(דער פאָרהאנג פאלט לאנגזאם)

צווייטער אַקט.

דאָס זעלבע צ מער, די זעלבע נאַכט, די לאָמפּ איז פערוויכערט
אין צאַנקט, דונקעל.

דער זיידע
(געהט אריין לאנגזאם)

סאניא
(הויבט זיך אויף פון זאפאז ערשראקע און פערוואונדערט)

ווער ביסטו? זאג! ווער ביסטו, זאג! איך קאן דיך ניט...

דער זיידע

דערקאנסט מיך ניט? איך האב אמאל, ווען דו ביזט נאך
א קינד געווען, א קליינעם קינד, דיך אויף דער האנד...

סאניא

אך, זיידע! דאס ביזט דו!

דער זיידע

געדענקסטו נאך?!
ס'איז גוט אזוי, אויב דו געדענקסט! ס'איז גוט אזוי...
דיין שוועסטער האט פערגעסען אלץ,
דיין שוועסטער איז אין שמד אוועק!..

סאניא

אך, זיידעניו, מיין שוועסטער איז
פון טיעפען צער, פון איינזאמקייט
אהין אוועק... זי האט געזוכט
די זון. ס'איז ניט געווען קיין שטראהל
ביי אונז פון ווייסער, גרויסער וועלט...
ס'איז ניט געווען קיין לופט צו אטהעמען...
ס'איז דומפיג אין דער שטוב געווען
און פיסט און לעער אין אידיש-הויז...
און זי איז שעהן און יונג געווען
און האט געהאט די לאקען — שווארץ

ווי סאַמעט, ווייך און צאַרט, און לאַנג,
און האָט בּענעהרט די גאַנצע וועלט
מיט גאָר דאָס ליכט, מיט גאָר דאָס גליק...
און דאָ האָט עמיץ שוין געוואַרט
מיט אַ פּאַרוק און גאָל־געציינג!..
דו מוזט מיין שוועסטער מוחל זיין,
מיין שוועסטער מוזט דו מוחל זיין!..

דער זיידע

דיין שוועסטער האָט פֿערגעסען אַלץ,
דיין שוועסטער איז אין שמד אַוועק...
זי האָט דיין טאַטען פֿאַר דער צייט,
צו פֿריה, צו מיר אין גרעסט געשיקט;
זי האָט דיין מאַמען קראַנק געמאַכט...
(שרייט מיט כעס) און דו? און דו? וואוהין געהסט דו?..

סאָניאַ

(רוקט זיך אָב דער׳שראָקען)

דער זיידע

(ווייך)דו האָב פֿאַר מיר קיין מורא ניט,
איך בּין אַ גראָהער, אַלטער איד...
איך וויים פֿון פּיין, איך וויים פֿון צער,
אַ טרויער־בּליק, אַ הייסע טרעהר,
אַ בּענגשאַפֿטס־זיפֿץ, אַ שווערער קרעכץ —
דאָס וויים איך אַלץ, דאָס פֿיהל איך מיט:
איך בּין אַן׳אַלטער, גראָהער איד!..
איך האָב דיך ליעב; דיין שוועסטער... אויך;
איך וויים, ווי ס׳בּענגט איהר האַרץ נאָך אונז,
איך וויים פֿאַר וואָס זי איז אַוועק

פֿון אונז אַהין... איך ווייס! איך ווייס,
ווי שווער איז איהר בײַ אונז געווען:
זי האָט אַנ'עדעל־האַרץ געהאַט,
זי איז אַ צאַרטעס קינד געווען...
זי האָט געבענגט, זי האָט געזוכט...
און דאָרטען אויך — כ'פֿערשטעה דאָס אַלץ!.. —
זיי זענען מענשען, פּונקט ווי מיר...
דאָס ווייס איך אַלץ, דאָס ווייס איך גוט:
איך בין אַנ'אַלטער, גראָהער איד...
(בייז) נור גאָט איז דאָ! אַ גאָט איז דאָ!
דיין שוועסטער האָט אין איהם געפֿעלשט —
דאָס קאָן איך איהר ניט מוחל זיין.
ער הייסט — איך פֿאָלג... איך בין זיין קנעכט,
איך מוז אַלץ טהאָן, וואָס נור ער הייסט...
זי איז מיין קינד, מיין ליעבעס קינד,
איך וויל זי זעהן; נור גאָט הייסט: ניט!
פֿערשטויסען מוז איך זי פֿון מיר...
איך מוז! איך מוז! אַזוי הייסט גאָט!
איך בין אַנ'אַלטער, פֿרומער איד...
(בייז) און דו? און דו? וואוהין געהסט דו?
דו געהסט צו איהר? איך זאָג דיר אָן:
פֿערשעלטען וועל איך דיר, ווי זי,
אויב דו וועסט אויך... אויב דו וועסט אויך...
וואוהין געהסט דו? זאָג אויס! זאָג אויס!..

סאָניאַ

איך געה... איך געה...

דער זיידע

אין איהרען וועג?!

סאָניאַ

נײן! נײן!

דער זײדע

אַזוי, מײַן קינד, אַזוי!..
וואוהין־זשע, זאָג!

סאָניאַ

איך גײה... אַהײם!..

דער זײדע

אַזוי, אַזוי, מײַן קינד! די מאַמע וואַרט,
די קראַנקע מאַמע וואַרט אויף דיר...
גײה צו צו מיר! וואָס שטעהסט דו ווײַט?
איך וויל דיך בענשען, ליעבעס קינד!

סאָניאַ

(רוקט זיך אָב פֿון איהם מיט מורא)

דער זײדע

דו ווילסט מײַן ברכה ניט? פֿאַר וואָס?!
דו גײהסט אַהײם און ווילסט זי ניט?
פֿאַר וואָס?

סאָניאַ

איך גײה... איך גײה... איך האָב
אַ נײַע הײם... מײַן אַלטע הײם...
«באַלד, באַלד! אַ ווײַלע נור ציה אויף,

איך האָב פֿאַרגעסען) אויפ'ן הויף
בײַם קריצער אַ מצבֿה שטעהט...
ווײַל... ווײַל מײַן אַלטע הײם — איז טויט
און איך בעדאַרף יעצט געהן אַהין,
דאָרט וואו מען בויט דעם צוקונפֿטס־טהורם...

דער זײדע

וואָס פֿאַר אַ טהורעם? אַ בבֿל־טהורעם!
צום הימעל קריכען, ענטקעגען גאָט?
דעם הימעל שפּאַלטען, מיט גאָט זיך ראַנגלען,
צו איהם מיט מעסערס צו געהן זיך פֿעכטען?
איך וועל ניט לאָזען מײַן קינד אַהין געהן!
איך וועל ניט לאָזען!

סאָניאַ

איך וועל ניט פֿאָלגען!
איך וועל זיך ראַנגלען!..

דער זײדע

איך וועל דיך שעלטען,
אויף אײביג שעלטען און... פֿאַרשטויסען!

סאָניאַ

איך וועל ניט פֿאָלגען!

דער זײדע

וועסט מוזען פֿאָלגען!..

(דער זיידע פערשווינדט, א מינוט צוויי—פויזע, עס הערט
זיך זעהר א שטייעס געזאנג. סאניא געהט אים דערשראָ=
קען און זוכט, לאנגיאם געהען אריין דער טאטע, נאָך
איהם—די מאמע, זי זעצט זיך)

דער טאטע

זי האָט איהר מאמע׳ן קראנק געמאַכט...
זי האָט איהר טאטע׳ן פאר דער צייט,
צו פריה, אהין אין גערסט געשיקט...
דיין טאטע האָט קיין קדיש ניט,
איהר זון איז ניט מיין אייניקעל—
א צלם טראָגט ער אויף דער ברוסט...
דיין שוועסטער איז אין שמד אוועק...
(צו דער מאמען) אליין די!..

די מאמע

הער אויף
איך בין דאָך קראנק!..

דער טאטע

גאנץ גוט!

די מאמע

איך בין שוין אלט!

דער טאטע

גאנץ גוט!..

די מאמע

איך שטארב דאָך אויף!..

דער טאַטע

גאָנץ גוט!..
צולאָזען האָסט דו זיי געמאַכט,
די חצופה צו דעם שמד געבראַכט...
אַליץ דו! אַליץ דו!..

די מאַמע

הער אויף! הער אויף!..

דער טאַטע

איך האָב פאַר'ן טוידט דיר אָנגעזאָגט:
די צווייטע האַלטען אין דער היים...
האָסט מיין צואה אָנגעריהרט:
וואו איז מיין צווייטע טאָכטער איצט?
וואו איז די צווייטע — ענטפער מיר!..

די מאַמע

רחמנות האָב! כ'בין אַלט און קראַנק!
די יונגע פאָלגען קיינעם ניט;
מיין קינד האָט אויך מיר ניט געפאָלגט...

דער טאַטע

דו האָסט דער מאַמען ניט געפאָלגט...
דו האָסט דאָך מיר דאַן צוגעזאָגט,
דו האָסט דאָך מיר געשוואָרען דאַן
צו פאָלגען איהר! האָסט ניט געפאָלגט?..
דו געהסט אין יענער חצופה'ס וועג?!
פערשאָלטען...

סאָניאַ

(שרײַט) מאַמע!

די מאַמע

שעלט זי ניט
זי איז מײַן קינד און דײַנע אויך!
זי איז אַן עלענד־קינד, הער אויף...

דער טאַטע

דו הייבסט שוין אָן!...

(עס הערט זיך טריט)

ווער געהט?!

(לויפֿט צום טיר און הערט זיך צו)

דער פּרינץ געהט! באַהאַלט דעם רינג!
די אוירינגלעך! טהו אָן דאָס טוך,
ער זאָל ניט זעהן! געה אָב אַהין.

דער פּרינץ

(אַרײַנגעהענדיג) טו מיעשקאַ זשיד!

דער טאַטע

(פֿאַלט, קושענדיג דעם פּרינץ די האַנד)

אַי פּאַדאַ דאָ נוג!..

דער פּרינץ

אַ, מאָשעק מוי!..

ד ע ר ט אַ ט ע

(בוקענדיג זיך) וויעלמאָזשני פאַן (דער פריץ פערשווינדט)
וויעלמאָזשני פאַן! (כאפט זיך איין) ר'איז שוין ניטאָ?..
(קוקט פריהער פערוואונדערט; דערזעהט דערנאָך ס אָ נ י אַ'ן)
וואָס? אפשר פאַסט דיר ניט, וואָס איך
די האַנד ביים פריץ האָב געקושט?
דו ביסט דאָך אַ היינטוועלטיגע,
דו קענסט דאָך עפּיס דייטשעריש!
נו, זאָג! שפּיי אָן אין פּנים מיר —
מען מעג! דיין רבי הייסט דאָס דיר!
געוויס! איך נעהם דאָך אַלץ פאַר זיך,
צום פריץ געה איך אויך פאַר זיך,
פאַר דיר דאָך ניט: דו לעבסט מיט רוה...

ד י מ אַ מ ע

אָך, גאָט!

ס אָ נ י אַ

(צוזאמען) מיין גאָט!

ד ע ר ט אַ ט ע

דו האָסט אַ גאָט?
איך גלויב דאָס ניט! איך זעה, איך ווייס,
דער טאַטע האָט מיר אַלץ דערצעהלט:
דו געהסט אַהין! (שרייט) דו טאָרסט ניט געהן!..

ד י מ אַ מ ע

געניג! געניג!

דער טאַטע

זײַ שטיל, דו נאַר,
דו ווײסט קײן זאַך! דו ווײסט וואוהין
זי געהט? (וואַרט) זי געהט — צום שטראַנג!..

(די מאַמע פֿאַלט אין אונמאַכט. סאָניאַ וועקט זי, דריקט איהר די שלײפֿען. ווען זי כאַפּט זיך אויף איז שוין דער טאַטע ניטאָ, ס'איז שטיל. זי זיצט אויף דער זאָפֿאַ. סאָניאַ בײַ איהרע פֿיס.)

די מאַמע

איך האָב דיך געוואַשען, מײַן קינד
אין טרעהרען און טוי;
געוואויגען — בעהאַלטען פֿון איהם —
מיט זילבער און גאָלד...
געזאַמעלט — בעהאַלטען פֿון איהם —
און צדקה געטײלט;
און פֿיעל מאָל געמאָסטען דאָס פֿעלד,
געוויינט אין דער שול...
די טעג זענען פֿינסטער געוועזן,
און אײנזאַם — די נעכט
דערפֿאַר בין איך אַלט שוין און קראַנק,
דערפֿאַר בין איך בלינד... (פּויזע)
איך בין דאָך אַ קינד נאָך געוועזן,
אַן עלענדעס קינד...
מען האָט שוין די שטאַנגען געשטעלט
פֿון הופה פֿאַר מיר...
מען האָט מיר דעם קאָפּ אָבגעגאָלט,
געלאָזען אַלײן...
און ס'האָט לאַנג געבײנט און געקלעמט
אין טרויער דאָס האַרץ... (פּויזע)
דער טאַטע איז בײז געוועזן, פֿרעמד,

און דיך האָב איך ליעב געהאַט, קינד...
דערפֿאַר בין איך אַלט שוין און קראַנק
דערפֿאַר בין איך בלינד (לענגערע פּויזע)
פֿאַר וואָס האָסטו מיך אינערבאַרעמט אַזוי
פֿערלאָזען, מיין קינד?

סאָניאַ

אָך, מאַמע, דו ווייסט ניט, דו וועסט ניט פֿערשטעהן,
ווי שלעכט ס'איז געווען און ווי שווער...

די מאַמע

ניין, דערצעהל...

סאָניאַ

איך האָב ניט געקענט דעמאָלט בלייבען ביי דיר...
איך האָב דורך די פֿענסטער נור שרעקען געזעהען,
איך האָב אומעדום נור זיין שטימע געהערט...
אין צימער ביי מיר האָט זיין שאָטען געשוועבט,
זיין שאָטען געשוועבט האָט אין צימער ביי מיר...

די מאַמע

זאָג, וועמעס שאָטען?

סאָניאַ

דו האָסט איהם געזעהען.
צו מיר פֿלעגט ער קומען טאָג-טעגליך צו געהן.
אַ שלאַנקער. עס שטראַהלען די אויגען ביי איהם,
מיט דיכט-שוואַרצע ברעמען בעצירט;
עס הענגט אַ בעפֿעהלענדער שטערען אויף זיי,
אין ראַם פֿון דער נאַכט איינגעפּאַסט... (פּויזע)
אַמאָל, ביי דער נאַכט... ר'איז געקומען צו מיר

און מיך אין זײַן וועג האָט ער נעהמען געוואָלט:
„איך געה אין דעם אייבּיגען וועג צו די בּערג,
„איך קען שוין ניט אומוואַנדלען לענגער אין טהאָל;
„איך וויל מײַן געליעבּטע זאָל אויך געהן מיט מיר!..“
(פּויזע)

עס שוועבּט דער טוידט אויף הויכע בּערג,
און אויף דעם אָבּגרונד העננגט דער פֿעלז...
דאָרט ווערט מען גרויס — אין אונטערגאַנג,
דעם לאָרבּער־קראַנץ בּרענגט מיט — דער טוידט...
(פּויזע)

מײַן האַרץ איז געוועזען צו שוואַך און צו וויך,
און דו בּיסט געלעגען אַ קראַנקע צום בּעט...
איך האָבּ ניט געקאָנט... אָך, ווי שמערצליך און שווער!..
ער האָט נור מיר צוויי מאָל געפֿרעגט, צי איך געה.
עס האָבּען די אויגען בּעפֿעהלענד געקוקט
און ס׳זענען די בּרעמען געוועזען אָנגערוקט:
„דו געהסט אָדער ניט? דו געהסט אָדער ניט?“
איך האָבּ דאַן דערהערט אין זײַן שטים צו פֿיעל מאַכט
און ס׳איז מיט אַ נאַכט־קעלט פֿערלאָפֿען מײַן האַרץ
פֿערגליווערט געוואָרען; איך האָבּ מיט דעם קאָפּ,
שטום, צוויי מאָל געענטפֿערט: איך געה ניט מיט דיר! —
און שטיל איז געוואָרען; נור עטליכע טריט
ענטשיידענע האָבּען די שטילקייט געריהרט...
און ער איז אַוועק... אין דער פֿינסטערער נאַכט
האָסט דו נור געקרעכצעט, ווײַל איך האָבּ אין האַרץ
מײַנע קרעכצען געשטיקט (פּויזע) און לאַנגזאַם און מיעד
פֿון טרויער און בּענקשאַפֿט, אַ טאָג נאָך אַ טאָג,
האָט שטיל און פֿעראומערט געצויגען די צײַט
איהר אייבּיגען שנור... (פּויזע)
און אַ טאָג נאָך אַ טאָג...
בּיז איינמאָל האָבּ איך... זײַנע אויגען דערזעהען.

אָך, מאַמע, איך האָב זי געזעהען אין דער נאַכט...
דו ביסט אין אַ ווינקעל געזעסען פֿערטראַכט,
אַ ווינד האָט אין קוימען אַ רעש געמאַכט
און איך בין ביים אויווען געשטאַנען... דו זעהסט...
דו זעהסט, איך געדענק! און די לאָמפּ האָט געברענט
אַזוי פֿינסטער און טריעב...
אָט דעמאָלט האָב איך זיינע אויגען דערזעהן.
זיי האָבען מיט האַס און מיט שנאה געקוקט
און ס'זענען די ברעמען געווען אָנגערוקט
נאָך בייזער, ווי דעמאָלט. און עמיץ אַזאַ,
וואָס כ'האָב איהם געפֿיהלט און ניט געקענט זעהען,
האָט מיר אויפֿ'ן אויער מיט ראַכע געשיפּט:
„פֿאַר וואָס ביסטו דאַן ניט געגאַנגען מיט איהם?
„ער וויגט זיך פֿון פֿעלז איבער'ן טוידטליכען תהום
„און לעבט דאָך אַזוי, ווי ר'האָט קיינמאָל געלעבט
„און האָט שוין פֿערגעסען אָן דיר!"
(רייסט איבער) פֿערשטעהסט ניט! דו קאָנסט ניט פֿערשטעהן

די מאַמע

כ'פֿערשטעה!

סאָניאַ

איך האָב ניט געקאָנט לענגער בלייבען ביי דיר.
ביי מיר האָט שוין טיטוס'עס פֿייגעל דעם מאַרך
געפּליקט און געלעכערט... און איך האָב געמוזט
אַוועקגעהן אַהין, וואו מען קלאַפּט און מען רוישט,
כדי צו פֿערהילכען, בעטויבען דעם פּיין,
כדי צו פֿערגעסען... (שרייט) איך קאָן ניט!..

די מאַמע
(אַ־ומהאַלזענדיג)

מיין קינד!

זוי דו ביסט מיעד! ווי דו ביסט קראַנק!
גו, לעג זיך צו... ליג שטיל... אַזוי... (פֿערשווינדט)

סאָניאַ

(ליעגט מעהרערע סעקונדען אין פֿאָלער שטילקייט)

די אומגעקומענע

(געהט אַרײַן לאַנגזאַם, זי טראָגט אויף'ן האַנד אַ לאָרבער־קראַנץ מיט אַ לאַנגע רויטע סטענגע, אויף וועלכער ס'איז מיט ווײַסע בוכשטאַבען געשריבען: פֿון איין זײַט — „דער אומגעקומענער"; פֿון דער צווייטע זײַט — „אידישער אַרבייטער־בונד")

אויף אונפֿערגעגגליכע בלעטער
בין איך פֿערשריבען געוואָרען...
ס'האָבען בעגלייט מיט געזאַנגען
צעהנדליגע טויזענד מײַן אָרון...
קראַנצען פֿון בלומען און לאָרבער
און אימכּאָרטעלען געטראָגען...
ס'טראָגען מיך הונדערטע טויזענד —
אפֿשר נאָך מעהר — אין זכּרון (פּויזע)
נור איינער וויל מיך ניט דערמאָנען,
איך קאָן אָבער איהם ניט פֿערגעסען... (פּויזע)
איך האָב איהם גערופֿען מיט זיך,
איך האָב איהם די פּראַכט פֿון דער וועלט
איהר גליק און איהר רוהם צוגעזאָגט —
ער איז ניט געגאַנגען מיט מיר...
און איך האָב געזוכט און געזוכט
אויף'ן איינזאַמען וועג... אַלץ געזוכט...
ביז איך האָב אָט דעם קראַנץ געפֿונען...
דו זעה נור, ווי שווער ער איז. פּרוב!..

סאָניאַ

(אין אויסערסטען שרעק)

איך וויל ניט!..

די אומגעקומענע

(אויסמיידענדיג סאָניאַן, געהט אַרום לאַנגזאַם)

(געזאַנגדיג) דו ביסט אַמידעס, קראַנקעס קינד,
טו ליג זשע שטיל... ליג שטיל... ליג שטיל...

סאָניאַ

(לעגט זיך מידע. עס דאַכט זיך, דאָס זי שלאָפט איין)

די יונגפרוי

געהט ארײַן. איהר זינגען הערט זיך נאָך איידער זי קומט אָן.
זי זינגט:)

אַמאָל האָט אַ יונגפרוי בײַם טײַכעל געלעבט
און נעצען פון שטראַהלען און גינ-גאָלד געוועבט.
אַ יונגלינג, צום טאָפאָל געגליכען און שעהן,
פלעגט קומען טאָג-טעגליך צום טײַכעל צוגעהן.
די יונגפרוי דעם יונגלינג האָט פאַנגען געוועלט
און האָט אויף זײַן וועג איהרע נעצען געשטעלט...
צום טײַכעל ווי שטענדיג איז דר'יונגלינג געגאַנגען,
ביז וואַנען זי האָט איהם אין ד'נעצען געפאַנגען.
ניט לאַנג אָבער האָט זיך דער כשוף געהאַלטען:
ווען ס'האָט פונעם הימעל די זון זיך בעהאַלטען
דאַן זענען מיט איהר אויך פערשוואונדען די שטראַהלען,
און ס'זענען די גאָלדענע נעצען צערפאַלען...
ניט לאַנג האָט דעם יונגלינגס געפאַנגשאַפט געדויערט:
עס זיטצט איינעם אָבענד די יונגפרוי פערטרויערט
און וואַרט אויף דער זון מיט איהר גינ-גאָלד און
שטראַהלען,
און וואַרט אויף דער זון מיט די שטראַהלען

(זאָרהאַנג פאַלט)

דריטער אַקט.

דאָס זעלבע צימער. די זעלבע נאכט, די לאָמפּ איז אױסגע=
לאָשען, פינסטער,

די שוועסטער

זיך ניט, מײַן שוועסטער, אומזיסט:
גליק איז ניטאָ!
איך האָב אַליין עס געזוכט —
גלויב מיר, איך ווייס!
איך האָב האַרטנעקיג געזוכט...

סאָניאַ

זאָג מיר נור, וואו?

די שוועסטער

וואו נור איך האָב עס געקענט...

סאָניאַ

וואו? איך וויל אויך!..
שוועסטער, וואו ביסטו געווען?

די שוועסטער

ווײַט, אין דער פרעמד...
אפשר געדענקסטו, אַמאָל
איז צו דעם פּריץ געקומען אין געסט...

סאָניאַ

אָה, כ'ווייס שוין!.. מיט איהם אינעם שמד...

די שוועסטער

יאָ, אינעם שמד... ער האָט צוגעזאָגט גליק!.. (פּויזע)
דער פּריץ פלעגט קיינמאָל ניט קוקען אויף אונז:

מיר זענען דאָך אונדזערע זשידעס געווען.
צו אונדז פֿלעגט ער קומען אין שטוב ווי אין אַ שטאַל;
דער טאַטע מיט הניפֿה פֿלעגט קושן די הענד...
אַמאָל, אין די דונקעלע נעכט פֿלעג איך שטעהן
אויפֿ'ן גאַנעק פֿון קרעטשמע...

סאָניאַ

איך אויך!..
איך, שוועסטער, פֿלעג אויך אַזוי שטעהן אין דער נאַכט...

די שוועסטער

און קוקען אַהין... אין דער חורבֿה בײַ אונדז
איז פֿינסטער, פֿערטרויערט און קוים וואָס עס צאַנקט
דאָס פֿײַער'ל אין דעם פֿערראָכערטען לאָמפּ...
עס דרעמעלט איין שכור'ער פּויער בײַם טיש,
די אַנדערע טרינקען און שרײַען משונה
און רויכערען זייער טיטון...
די ווענד זענען שוואַרץ און פֿערשמוצט,
די לופֿט איז מיט רויך איבערפֿילט;
אין שטוב איז קײַן דילען ניטאָ,
נור הײַלע און בראָדיגע ערד...
די מאַמע זיצט אײנזאַם און מיעד,
געבויגען די פֿיס אויפֿ'ן באַנק,
און ס'דאַווענט דער טאַטע... בײַם שײַנק,
און שאָקעלט זיך טרויעריג צו... (פּיזע)
אין אַ זעלכע נעכט פֿלעג איך שטעהן
אויפֿ'ן גאַנעק און קוקען אַהין,
וואו ס'פֿלעגט ליגען, בענקען און ליכט,
דער פּריצ'ישער פּאַלאַץ...

ס אָ נ י אַ

איך אויך!..

ד י ש װ עֶ ס ט עֶ ר

ס׳פלעגט קלעמען דאָס האַרץ אין דער שטיל
און בענקען אונענדליך נאָך װאָס...
עס פלעגט זיך דאַן דאַכטען אַזױ,
דאָס ס׳שטעהט אַ חינעזישע װאַנד
צװישען דער אידישער שטוב
און ליכטיגער װעלט... און טײלט אָב
די קינדער פון טרױריגען שײנק
פון יענע, װאָס זעהען די זון
און הערען קײן קינות=געװײן...

ס אָ נ י אַ

די װאַנד! אָ, די װאַנד!..

ד י ש װ עֶ ס ט עֶ ר

מיט אַמאָל...
געדײנקסט איהם?

ס אָ נ י אַ

יאָ, יאָ, איך געדײנק;
ער האָט אינעם פאַלאַץ געװאױנט...

ד י ש װ עֶ ס ט עֶ ר

געװיס. אָבער ער האָט פון דאָרט
ניט די שענדליכע שנאה פון אידען און קריסט,

װאָס ליגט אינעם פּאַלאַץ שױן הונדערטע יאָהר,
מיר האָט ער װאָס אַנדערש פֿון פּאַלאַץ געבראַכט: (פּױזע)
ער איז מיט ליעבע געקומען צו מיר...
ער איז אַ קינסטלער, אַ מאַלער, געװען;
ר'האָט מײַנע אױגען געליעבט...
מיט זיך האָט ער מיך גענומען אַהין,
שאַפֿען צוזאַמען מיט איהם...

סאָניאַ

אָ, דאָס גליק!..

די שװעסטער

אפֿשר! מיר האָבען דאָס בײדע געזוכט
און... און געפֿונען כמעט!.. (פּױזע)
שאַפֿען? מיר האָבען געשאַפֿען... יאָ, מיר!
ער פֿלעגט עס זאָגען און איך האָב געגלױבט:
איך בין דער גײַסט פֿון זײַן שעפֿפֿונג געװען —
קעניגין פֿון דער פֿערצױבערטער װעלט
פֿון זײַן קונסט. (פּױזע)
מיר האָבען געשאַפֿען און פֿרײלעכבאַר און גרױס
איז ד'אַרבײַט געװעזען בײַ אונז...
און ס'איז שױן זײַן נאָמען געװען אין דער װעלט
דורך הונדערטע טױזענד בעװאונדערט, בעליעבט.
און טאָמער פֿלעגט קלעמען אַמאָל נאָך דאָס האַרץ
און בענקען נאָך דיר, נאָך דער אַלטינקער שטוב,
און ס'פֿלעגט זיך דאַן נאָך עפּיס גריבלען אין ברוסט:
ניט איך בין, נור ער איז בעליעבט און בעריהמט!" —
פֿלעגט ער שױן אַ ליעבענדער קומען צו מיר:
„מיר האָבען דאָך בײדע נור אײנס אין דער װעלט...
ניט טרױער, ניט בענק!"

אָט דעמאָלט פֿלעגט שטילערהייד שוועבען אַרום
דער שאָטען פֿון גליק...
גליק זעלבסט איז נאָך קיינמאָהל געווען (פּויזע)
און דערנאָך... און דערנאָך...
עס זענען די וואונדען צו פֿריש,
דאָס האַרץ מיינע איז נאָך צו קראַנק
איך קאָן דיר ניט, שוועסטער, דערצעהלען דאָס אַליץ.
גענוג, ס'איז פֿערשוואונדען אַמאָל
אַפילו דער שאָטען פֿון גליק,
און איך בין געבליבען אַליין,
די נשמה פֿערגליווערט, פֿערוויסט,
די יוגענד פֿערלוירען (ווייזט די קנייטשען פֿון געזיכט)
דו זעהסט, ווי צערקנייטשט,
ווי אַלט און ניט שעהן!.. און ס'קלינגט נאָך אַמאָל
די הייליגע קללה אין קאָפּ... (פּויזע)
דער טאַטע איז טוידט?

סאָניאַ

(שאָקעלט מיט'ן קאָפּ: יאָ!)

די שוועסטער

און די מאַמע?

סאָניאַ

(דרעהט מיט'ן קאָפּ: ניין!)

די שוועסטער

זי לעבט?

(לענגערע פּויזע)

ניין! כ'קאָן דאָך צוריק שוין ניט געהן!

מ'דאַרף ווידער זאָגן... ווידער זוכן... צו ניין?
(ענטשידען) מ'דאַרף גיין!...

סאָניאַ

ניין, גיי ניט, מיין שוועסטער, אַוועק,
מיט מיר בלייב! כ'האָב מורא אַליין...

די שוועסטער

איך קאָן שוין ניט בלייבן; איך גיי!
(גייט פּאַמעלעך אַוועק, אָבקערנדיק זיך צו סאָניאַ)
אָה, זוך ניט, מיין שוועסטער, קיין גליק,
אָה, זוך ניט אומזיסט!..
עס גיבט נור אַ שאָטן פון גליק...
אַ שאָטן פערשווינדט —
טו זוך ניט אומזיסט!.. (פערשווינדט)

סאָניאַ

(זיצט מעהרערע סעקונדען אַליין און טראַכט)

די אומגעקומענע

(גייט אַריין לאַנגזאַם)

סאָניאַ

(בעמערקענדיג) אַ! דו קומסט ווידער! פון וואַנען?

די אומגעקומענע

פון דער אידיש-הרבה, פון דעם פאַלטערס שטוב,
פון דער אַלטער קרעטשמע, פון דעם השך-שענק...
פון די אַלטע שמות, פון דעם קראַנקען האַרב,

פֿון מה־יפֿית זינגען, פֿון דער האַנדעל־גאַס —
אַט פֿון דאָרטען שטאַם איך... איז מײַן יחוס שלעכט?
איז מײַן יחוס אפֿשר מיאוס?

סאָניאַ

בײַן! איך װײס שױן איצטער אַלץ...

די אומגעקומענע

אַלע דאַרפֿען װיסען דאָס:
פֿון דער חורבה, פֿונעם שענק,
שטאַמט די מרויער אין מײַן האַרץ;
ס'האָט דאָס אַלטע שקלאַװען־ליד
איבערפֿילט מײַן גײַסט מיט האַס;
און מײַן װילען איז פֿערשטאָלט
אינ'ם פֿײַער פֿון דער נײד...
איך האָב אויך געקוקט אַהין,
װאו דער פּאַלאַץ ליגט אין ליכט;
זי איז הײַנט נאָך ליכט אַװעק,
איך האָב ליכט אַהער געבראַכט.
פֿון מײַן טרויער אינ'ם האַרץ,
פֿון מײַן װילען און מײַן האַס
האָב איך אין דער מיטער־נאַכט,
אויף דער אַלטער אידיש־גאַס —
פֿאַקעל געצונדען!..

(ס'הערט זיך אַ קינדיש־געװײן)

סאָניאַ

(אין שרעק) הער עמיץ װײנט!..

די אַלמנה

(גײט אַרײַן מיט אַ קלײנע יתומה בײַ האַנט)

סאָניאַ

(קוקט זיך אָן פֿערוואונדערט)

דיִ אומגעקומענע

דו קענסט זיי ניט?

סאָניאַ

ניין!...

דיִ אַלמנה

„איך, דיין מוטער, פֿיהר דיך, קינד,"
איך בין עלענד, גלייך ווי דו;
ביידען האָט ער אונז פֿערלאָזט,
ביידע וואַנדלען מיר אַרום...
יעצט פֿערשטעה איך אַלץ, מיין קינד:
ר'איז אַ גרויסער מענש געוועזן;
ס'האָט ביי איהם אין הארץ געברענט
שנאה צו דער הענקער-וועלט,
ליעבע צום געדריקטען פֿאָלק...
ר'איז אַוועק אין אָבענד שפּעט;
איך האָב ניט געוואוסט, וואוהין.
ד'איז אַוועק אין אָבענד שפּעט.
כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט,
כ'האָב געוואַרט אויף איהם אומזיסט!..
כ'האָב אַ גאַט נאָך דאַן געהאַט:
כ'האָב געיאָמערט אין דער שוהל,
כ'האָב ביי זיך דאָרט אויך געוויינט —
קיינער האָט ניט צוגעהערט:
כ'האָב אויף איהם געוואַרט אומזיסט!..
יעצט פֿערשטעה איך אַלץ, מיין קינד;

כ'ווייס ניט, טאָכטערל, וואו ער ליגט,
איינער ליגט ער דאָרט אַליין,
און דאָס פֿעלד איז גרויס און ווייסט,
קיין מצבֿה שטעהט דאָרט ניט —
כ'טראָג נור איהם אין האַרצען טיעף...
(געהען לאַנגזאַם)
קיין מצבֿה שטעהט דאָרט ניט,
כ'טראָג נור איהם אין האַרצען טיעף (פֿערשווינדען)

די אומגעקומענע

דו הערסט שוין? דו הערסט שוין? פֿערשטעהסט?..
דו זוכסט דאָך, ווי איך האָב געזוכט,
ביזט אויך אַזוי איינזאַם, ווי איך,
טאָ נעהם דיר!
(וויל איהר אָבנעמען דעם לאָרבער-קראַנץ)

סאָניאַ

(שרייט אין שרעק) איך וויל ניט!..

די אומגעקומענע
(פֿערשווינדט)

סאָניאַ

(געהט צו צום פֿענסטער; קוקט אָנגעשפּאַנט אין די
פֿינסטערנישן; דערהערט אַ שטים הינטער דעם פֿענסטער)

די שטים פֿון דעם אונבעקאַנטען

איז דאָס אמת אָדער ניט?..

NATIONAL JEWISH HOSPITAL FOR CONSUMPTIVES.

סאָניאַ

(שטיל)

וואָס איז ער! דאָס איז ער!..

די שטים

איז דאָס אמת אָדער ניט?
עמיץ האָט מיר היינט פערצעהלט,
דאָס מיין סאָניאַ קומט צוריק...
איז דאָס אמת אָדער ניט?..

סאָניאַ

(האַלט זיך קוים אויף פון א פרעהליכען לאַכען)

אפשר אמת! איך ווייס ניט!..

די שטים

סאָניאַ געהט צוריק צו מיר;
סאָניאַ מוז דאָך געהן צו מיר,
וויַיל איך טראָג איהר רינג ביז יעצט,
וויַיל זי טראָגט אויך מיינעם רינג...
רינגען זענען קייטען דאָך,
רינגען שמידען מענשען איין,
זיי צערייסען קאָנסט דו ניט!
אמת האָט ער מיר פערצעהלט?..

סאָניאַ

(ווי פריהער) אפשר אמת... איך ווייס ניט!..

די שטים

דו ווייסט ניט, היינט ווער=זשע ווייס?

האָט ער ליעגען מיר געזאָגט?

סאָניא

(ווי פריהער) האָט ער ליעגען דיר געזאָגט!..
(זי ווארט. קיינער ענטפערט ניט, שרייט:)

וואָס ביזטו פערשוואונדען!.. איך האָב דאָס...
צוריק קום! איך רוף דיך! צוריק קום!..

דער אונבעקאַנטער
(געהט ארײַן)

דו האָסט מיך גערופען... אָט בין איך ביי דיר!
ווען איך האָב גערופען, האָסטו ניט געפאָלגט...

סאָניא

דערמאָן ניט!

דער אונבעקאַנטער

און איצטער, ווערסטו געהן שוין מיט מיר?
עס איז אָבער אָפשר צו שפּעט!

סאָניא

צו שפּעט?

דער אונבעקאַנטער

יאָ, אָפשר!..
די איינציגסטע ביזט דו געוועזען ביי מיר,
איך האָב דיך בעגעהרט און געליעבט,
איך האָב דיך גערופען מיט זיך,

איך האָב דיר בעוויזען געוועלט
פון בארג פון דעם העכסטען די פראַכט פון דער וועלט;
איך האָב דיך גערופען, דו האָסט ניט געפאָלגט,
און איך בין אַליין אין דער וויטענס אַוועק...
ביי יענע, וואָס געדען אין דער וויטענס אַליין
קריכט ציטענוויז אום א פערצווייפלונג אין האַרץ
און ס׳דאַכט זיך: עס איז שוין די יוגענד פערביי
און די פערגייענגליכע צייט
שפרייט אויף די שוואַרצע האָר אויס
דעם טויט־גראָהען פראָסט... (פויזע)
און איך האָב א מידער, פערטרויערט, אַמאָל,
פון בארג ניעדערוואָרפען, אין פינסטערע נעכט —
אַניאַיינזאַמער האָב איך געוואַנדעלט אין טאָל...
(לאַנגזאַם) האָרט האָב איך, מיר האַלט זיך, פערלאָרען
דיין רינג...

סאָניא

דיר האַלט זיך... מיין רינג!..

דער אונבעקאַנטער

יאָ, מיר האַלט זיך אַזוי!..
אין טאָל האָט מיר עמיץ דערצעהלט וועגען דיר,
דאָס דו האָסט... איך זעה, דו ווערסט בלייך!..—

ער

(געהט אריין און שטעהט הינטער סאָניאַן, זי זעהט איהם ניט)

דער אונבעקאַנטער

דאָס דו האָסט דעם רינג אָבגעגנב׳עט ביי מיר...

סאָניאַ

וואָס רעדסטו דו?!

דער אונבעקאַנטער

און אפשר ניט דו; אפשר ער!

סאָניאַ

(קעהרט זיך האסטיג אָב און שרייט:)

איך...

ער

איך...

דער אונבעקאַנטער

אפשר ביידע צוזאַמען מיט איהם...
אין טאָל... כאַ—כאַ—כאַ! און עס איז שוין צו שפּעט!..

סאָניאַ

דו ווייסט ניט! דו ווייסט ניט!
(צו איהם) דיך האָב איך ניט ליעב!
(צום אונבעקאנטען) ער איז פרעמד מיר געווען.
איך האָב אָבער איינע אַליין ניט געקאָנט,
כ'האָב וועמען עס איז דאָך בעדאַרפט געבען זיך
אין ד'פינסטערע נעכט...

דער אונבעקאַנטער

„געבען זיך"... „געבען זיך"..

„אין ד׳פינסטערע נעכט“... איז ער דארט געוועז?
(געהענדיג) אויב ער איז געוועז נעבען דיר,
וועל איך שוין ניט זיין (געהט אב)

ער

(געהט נאך דעם אונבעקאנטען)

סאניא

אך געהט ניט, אך געהט ניט אוועק!..

(זי לויפט נאך ביז דעם פענסטער און בלייבט דארט שטעהן, ס׳הערען זיך די שטימען פון ווידען און פון דעם אונבע-קאנטען)

דאס איז ער און... דער ווידע!
ווי קומען זיי ביידע אהער?..

דער אונבעקאנטער

...מיר זענען דאך...

(לעוגערע פויזע נאך יעדען זאץ)

דער ווידע

...כופרים בעקר...

דער אונבעקאנטער

...קינדער פון פאלק...

דער ווידע

...פונ׳ם שטן

דער אונבעקאנטער

...אידישע קינדער,

נור נײַע און יונגע...

דער זײדע

אַז נײַע אידען...
מעסער־געפּעכטען...

דער אונבעקאַנטער

...מענשען און אידען...
שטאָלצע און דרײַסטע...
קינדער פון פאָלק!..

דער זײדע
(געהט אַרײַן)

סאָניאַ

אָך, זײדע!

דער זײדע

וואָס איז דיר, מײַן קינד?
האָב ניט קײַן מורא, איך וועל דיך ניט שעלטען!..
איהר זענט די יונגע... געהט אײַער וועג!
מיר האָבען אָפּגעלעבט אַנדערש דאָס לעבען,
מיר זענען גרים געװעזען אויף דער ערד!..
תמיד געפּײַניגט דעם זינדיגען גוף,
תמיד גע'כשר'ט אין גוף די נשמה,
תמיד דעם נאָמען פאַר'ן דומה גע'הור'ט...
מיר זענען גרים געװעזען אויף דער ערד!..
איהר זענט שוין אָבער גאָר אַנדערע, נײַע;
איהר אין מלחמה די ערד װילט געװינען...

סאָניאַ

איהר זענט די יונגע... גערעט אייער ווענ!..

(איז געווען טיעף פערטראַכט, האָט כמעט ניט געהערט, וואָס דער זיידע האָט גערעדט. זי רייסט איהם איבער:)

אַך, זיידע! ער האָט מיך געלאָזען אַליין...

דער זיידע

אַליין? ער? פאַר וואָס?

סאָניאַ

ניין! דאָס פרעג ניט ביי מיר!
דאָס קאָן איך ניט קערען צוריק,
דאָס איז שוין פערפאַלען, פערפאַלען...
ער האָט מיך פערלאָזען דערפאַר.

דער זיידע

נו, וואָס זשע קאָן דער זיידע טהאָן,
נו, ווי זשע קאָן ער העלפען דיר?
זיין הארצען איז מיט טרויער פול,
פון אַלטע ספרים ווייס ער נור,
דאָס דיזע וועלט איז גאַר נישט ווערט
דאָס דאָ איז אַליץ נור צרות, פיין,
דאָס — הבל הבל: גליק און פרייד,
דיין בענקשאַפט און דיין ליעבע אויך
וועט מוזען אונטערגעהן אין טוידט

סאָניאַ

(ציטערט)

דער זיידע

און דו ביזט יונג און ווילסט דאָס גליק
היינט וואָס זשע קאָן דער זיידע טהאָן,
היינט ווי זשע קאָן ער העלפען דיר?
(קוקט איהר אָן) דו ביסט דאָך זעהר מיעד, מיין קינד,
טו לעג זיך צו... און ליג נור שטיל... (פויזע)
דו ווילסט דאָס לעבען? לעב זשע, קינד,
און טראַכט ניט מעהר... און טראַכט ניט מעהר...

(געהט שטיל אַרויס)

סאָניאַ

(שלאָפט איין)

(עס הערט זיך ווי אַ פּרויענשטים זינגט שטיל:)
„אַמאָהל האָט אַ יונגפרוי ביים טייכעל געלעבט
„און געצען פון שטראַהלען און גינגאָלד געוועבט..."
„אַ יונגלינג, צום טאָפּאָל געגליכען און שעהן,
„פלעגט קומען טאָג־טעגליך צום טייכעל צו געהן"

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

פֿיערטער אַקט.

ראָם װעלבע צימער. עס שטעהען אין װינקעל אײנגעפּאַקטע קאָ־
פֿערס.—פֿריה־מאָרגען. אין דער קװער ציהט זיך פֿון פֿענסטער
א ברײטע סטײגע שטראַהלען. ס'איז זעהר לײכטיג.)

ער

דעם אמת! נור אמת! איך קאן שוין ניט מעהר!

סאניא

נור אמת! איך קאן שוין מעהר אויך ניט...

ער

רערצעהל!

סאניא

(נאך א קורצע פויזע)

איך האב דיך ניט ליעב!

ער

א!

סאניא

הער רוהיג מיך אוים!
זעהסט?

(ווייזט איהם דעם רינג אויף איהר פינגער)

ער

סאניא! איך האב דאך ניט איינמאל געפרעגט...

סאניא

איך האב ניט געקאנט דערמאלט בלייבען אליין;

מײַן האַרץ װאָלט פֿערגליװערט געװאָרען אין קעלט,
מײַן האַרץ װאָלט פֿון בענקשאַפֿט זיך מוזען פֿערגעהן,
װען קײנער זאָל דערמאָנט ניט זײַן געבען מיר...
איך האָב דיך בעדאַרפֿט!.. (פּויזע)
פֿון אײן שטיקעל גאָלד,
גאָר ניט לאַנג, האָבען מיר די צװײ רינגען געשמידט...
און זײַנעם טראָג איך נאָך ביז יעצט;
ער מײַנעם? (ציטערט) װער װײסט? (בײז) צוליעב דיר!
נײן! דו ביסט ניט שולדיג אין דעם,
נײן! איך האָב פֿערלוירען מײַן װעג,
און שולדיג איז ער, װײַל ר'האָט מיך פֿערסמיט
און איך בין שוין שכור געװען און געזוכט...

ער

װאָס רעדסט דו?

סאָניאַ

דו קאָנסט ניט פֿערשטעהן (פּויזע)
און דאָך װעל איך פֿאָדערן...

ער

אַלײן?

סאָניאַ

הײַנט מאַכט מיר ניט אויס. אויב דו װילסט, טו פֿאָדער
אויך...

דער צװײטער גאַסט

(געהט אַרײַן)

ניט געשלאָפֿען הײַנט בײַ נאַכט

מיט אַנ׳אויג ניט צוגעמאַכט,
הצות האָב איך דאָס אָפּגעריכט...
וואָס טייג אָבער אַזאַ הצות,
אויב איך האָב אָנשטאָט דעם תקון
אַטריף־פסול געשטודירט
(קוקט זיך אום און בעמערקט די קאָפּערס)
רוחות קדושים! שר סמאל!
האָט איהר זיך דאָך איינגעפּאַקט...
פּלאי־פּלאים!..

ערשטער גאַסט

(געהט אריין מיט א קאפער אין האַנד)

צווייטער גאַסט

פּלאי־פּלאים
איהר פאָהרט אויך?

ערשטער גאַסט

ס׳טייטש: אויך?

צווייטער גאַסט

(ווייזט איהם די קאָפּערס)

אָט, קוקט!..
(צו א ה ם) און דו פאָהרסט אפשר אויך?

ער

איך... איך...

צווייטער גאַסט

נו, נו, דו בלייבסט! דו ביסט אַ וואוילער יונג!
שאַ, ווער געהט נאָך?!

דריטער גאַסט

(גײט אַרײַן)

צווייטער גאַסט

אַהאַ! דער ירושלמי!
און איהר פֿאָהרט ניט?

דריטער גאַסט

וואוהין?

צווייטער גאַסט

אַהיים!..

דריטער גאַסט

איך האָב קײן היים דערווײַל.

צווייטער גאַסט

קײן ציון פֿאָהרט איהר אויך ניט?

דריטער גאַסט

לאָוט צורוה (פּויזע)
מען פֿאָהרט... אויף פֿרעמדע ערד
פֿערגיסען בלוט... פֿאַר פֿרעמדע גליק.

ערשטער גאַסט

פֿאַר אונזער גליק

צווייטער גאַסט

(רעדט אַ ווײַלע שטיל מיט איהם און גײט אָב)

מאַניאַ

פאַר גליק?..

ערשטער גאַסט

אויב יאָ פאַר גליק,
וועט ס'אונזערעס ווי זייערעס זיין.
די ערד איז אויך קיין פרעמדע ניט,
ווייל אָדער זי איז קיינעמס ניט,
אָדער זי איז אונזערע אויך...
די ערד געהערט צו די, וואָס בויען זי,
וואָס פלאַנצען נייעס לעבען איין,
וואָס צוימען נייע גערטנער אויס,
וואָס לעבען אויף דער ערד...

דריטער גאַסט

מען דהרגעט אייך דערום!

ערשטער גאַסט

געוויס! איך גיה דערום אהין...
(שט־עקט אויס ד רעכטע האַנד)
איהר זעהט? נו, פרובט, ברעכט איין!

דריטער גאַסט

מען וועט זיך שוין מיט אייער האַנד
אַנ'עצה געבען דאָרט!..

ערשטער גאַסט

ס'איז אויך אַנ'אמת!
און דאָך — וועט זיין אַ סוף...
פערוויסטע קברים־פעלדער
און בערג פון טויטע קערפערס

און פֿון דער גרויסער מענשען־מחנה,
וואָס גייט אַצונד, וועט אפֿשר קיינער,
וועט אפֿשר אויך דער לעצטער פֿון דער לעצטער רייהע
צום ציל ניט קומען... און דאָך בעדאַרף מען גיין!..
מען דאַרף דעם וועג אויסטרעטען
פֿאַר נייע דורות. אָה! זיי וועלען קומען
און וועלען אויף די קבֿרים־פֿעלדער
בלומען־גערטנער פֿלאַנצען

דריטער גאַסט

געוויס! געוויס!

צווייטער גאַסט

(קומט צוריק)

אמת טאַקי, אַלע פֿאָהרען,
בנאמנות, צעהנדליגווייז...
גליקליכע פּאָרלעך, שלישית'ען טראַגישע,
יונגע און אַלטע בערנער תּושבֿים—
ציהען זיך אַלע ווי שנירלעך פֿון שוואַלבען...

ערשטער גאַסט

ניטאָ וואָס צו לאַכען!

צווייטער גאַסט

איך לאַך ניט!
לאַכען—לאַך איך קיינמאָהל ניט.
איך קוק מיך צו צו אַלעמען,
איך שמייכעל אויך אַמאָל,
אָבער לאַכען—קיינמאָל ניט...

ווען איך זאָל זײַן ווי איהר, ווי ער
(ווײַזט אויף דעם III-טען)
ווי סאָניאַ, וואָלט איך אויך געלאַכט,
געוויינט, געוועזן צופֿריעדען, בייז:
איהר ווילט וואָס טהון, איהר טהוט דאָך וואָס...
און איך בין נור — אַ צוועהער.
די וועלט איז גרויס און גוט און שעהן,
און אויב איהר ווילט אויך שלעכט און מיאוס:
עס ווענד זיך, ווי מען קוקט אויף איהר (פּויזע)
אַזוי איז היינט אַלץ גוט און שעהן,
אַשאָדען נור, וואָס סאָניאַ אויך
פֿאָהרט אָב מיט אייך... אַט מיר מיט איהם
וועט פֿעהלען וואָס אָהן אייך.
ניט אמת, זאָג!

ער

(שטעהט ביים פֿענסטער און קערט זיך ניט אָב)

צווייטער גאַסט

עס וועט ניט זיין
וואוהין אַמאָל אין אָבענד געהן
און זיצען שטיל און... דאָס פֿערדריסט
(צו איהם) און וואָס זאָגסט דו? צוריק אַהין
אין אונזער כעמיע-קיך?.. איין זאַך.
איז אין לאַבאָראַטאָריום שעהן —
די פֿייערלעך. ניט אמת, אפשר, סאָניאַ?

סאָניאַ

יאָ, אמת! וואונדערבאַרע פֿייערלעך
אַשאָד די פֿייערלעך!..

צווייטער גאַסט

אַהאַ איהר זעהט!
בלייבט דאָ!

סאָניאַ

(טיעף פּערטראַכט.)

ניין!
דאָרטען ברענען אַנדערע, דאָרטען ברענען שענערע. מען דאַרף אַהין.

ער

(קערט זיך אָב פון פענסטער און הערט זיך אויפמערקזאם צו. אַלע קוקען אויף סאָניאַ'ן)

סאָניאַ

מענשען דאַרפען געהען אין דער הויך, צום העלסטען שפּיץ פון הויכען באַרג. דער וועג איז מיהזאַם, פול מיט שאַרפע שטיינער, פול מיט דערנער. מענשען דאַרפען אָבער געהען אונערמידיגט העכער, העכער... צום אייביגען ציעל...

אין שוואַרצען אָבגרונד קומען אַלע אום, נור עפּיס בלייבט. זוכט דאָס עפּיס!..

אינעם לעבען ליגט בעהאַלטען עפּיס, ליגט פערצויבערט. קיינער ווייסט ניט, ווי די צויבער־מאַכט צו בייקומען און דאָס אייביגע קערן פון לעבען געפינען. נור אַלע זוכען... זוכט דאָס קערן!..

דאָרטען, דאָרטען ווייט, זענען נייע ליכטער געצונדען. דאָרט וועט זיך אפשר דאָס לעבען ענטפּלעקען און בעווייזען זיין אייביגעס קערן. אפשר, אפשר!..

און מענשען דארפען געהען אין דער ווייטענס, צו
די נייע ליכטער, און זוכען, און זוכען: אפשר וועלען
זיי געפינען! זוכט דאס עפיס, זוכט דאס קערן!..

פיערטער גאסט

(געדט איין גיך מיט א צייטונג אין האנד. סאניא
I-טער און II-טער גאסט רינגלען איהם ארום און
לעזען אנגעשפאנט די צייטונג. ער אין דער III-טער
זיצען פון דער ווייטענס.)

(פאָהאנג)